# פרשת ויחי ה׳ – י״ד טבת תשע״ו לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויחי***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט״א** אצל מסיבה לתלמידי כיתה ט׳ של התלמוד תורה בבארא פארק (תלמידי הרב **מרדכי נפתלי אייזענבאך** שליט״א), אחר שעמדו על המבחן אצל **הרה״ג דומ״ץ דקהלתנו בב״פ שליט״א** על לימודם במשך השנים שעברו. המסיבה התקיימה בבית המדרש שבבנין הת״ת בוויליאמסבורג, **ורבינו שליט״א** השמיע לפניהם דברי חיזוק והדרכה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב א גרויס הנאה אטייל צו נעמען ביי די מסיבה היינט. **איך הער אסאך מאל גוטע גריסען אויף די כתה, פון די פריערדיגע יארן אויך, אבער אזעלכע שיינע גריסען וואס איך האב געהערט דאס יאר אויף די כתה, האב איך שוין זייער לאנג נישט געהערט.** דער דיין זאל זיין געזונט האט מיך אנגערופן צוויי דריי וואכען צוריק, און ער האט מיר געזאגט, אז ער איז געווען ביי ענק אין די כתה, און ער האט פארהערט, און ער האט נאך אזאנס נישט געזען.

**און** ווי מען האט פריער געהערט, איז עס די אנהייב פונעם בארג, און מען דארף גיין און גיין, און זיך נישט אפשטעלן. א מענטש איז א הולך, מען דארף אלץ שטייגען פון איין מדריגה צו דעם צווייטען מדריגה. אסאך מאל איז שווער, אבער אז מען קוקט צוריק, און מען זעהט וואס מען האט קונה געווען ביז יעצט, גיט עס דעם חשק און דעם סיפוק אז מען זאל ווייטער אנגיין דערמיט. מען האט זיך טאקע געפלאגט, אבער יעצט איז מען נהנה פון וואס מען האט זיך געפלאגט. מען קוקט צוריק, עס איז אדורכגעגאנגען צוויי חדשים פונעם זמן, און וואס מען האט אלץ אפגעלערנט, און וואס מען קען נאך אלץ אנקומען ביז צום סוף פונעם יאר, גיט עס א חשק אז מען זאל גיין ווייטער.

**אין** לערנען שטייט עטץ ב״ה אויף א שיינע מדריגה, עטץ לערנסט ב״ה פלייסיג, איך מיין אז איך דארף נישט רעדן פון התמדת התורה. אבער אויסער לערנען איז דא נאך צוויי זאכען וואס בחורים דארפן אנהייבן צו הארעווען דערויף יעצט פון די בר מצוה. וואס דאס איז עבודת התפלה, דאווענען, און מדות טובות.

**די** וועלט זאגט אויפן **בעל התניא זי״ע**, אז אלס בחור האט ער געהייסען אן עילוי, און ווען ער איז אלט געווארן ניינצן צוואנציג יאר, האט ער שוין געקענט גאנץ ש״ס. און ער האט אנגעהויבען צו זוכען א פלאץ ווי ער קען נאך מער שטייגען. און ער האט געהערט אז עס איז דא צוויי ישיבות. די ישיבה פונעם **גר״א** אין ווילנא, וואס דארט איז מען זיך מעמיק אין תורה. און ער האט געהערט, אז ביים **בעל שם טוב הק׳** איז אויך דא א בית המדרש פון זיינע חסידים און תלמידים, און דארט איז מען מער מאריך אין עבודת התפלה. און ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל אויסקלויבען. צו ער זאל גיין דארט ווי מען קען זיך משלים זיין אין תורה, צו ער זאל גיין דארט ווי ער קען זיך משלים זיין אין תפלה. האט ער געזאגט אזוי, לערנען קען איך שוין עפעס, איך קען שוין ש״ס, אבער דאווענען קען איך נאכנישט, וויל איך ענדערש גיין אויף א פלאץ זיך צו לערנען דאווענען, אז איך זאל אויך קענען דאווענען. - א יוד וואס האט געקענט גאנץ ש״ס האט געזאגט, אז לערנען קען ער שוין, אבער דאווענען קען ער נאכנישט. וואס זאלן מיר זאגען. איך בין זיכער אז ביז ער איז אהין געגאנגען, האט אויך געדאווענט מיט אן אש להבה, אזוי ווי ערליכע יודען פלעגן אמאל צו דאווענען.

**מען** בעהט נישט קיין גרויסע זאכען, נאר אז **די שעה וואס מען שטעלט זיך דאווענען, זאל מען שטיין אויף איין פלאץ. נעמען דעם סידור און טראכטען, איך בין עומד לפני המלך, איך שטיי יעצט פארן אייבערשטען, און איך קען זיך אלעס אויסבעטן ביים באשעפער. מען דארף לערנען די טייטש פון דאווענען, ווען א מענטש קען פירוש המילות, ווייסט ער וואס ער רעדט.** ווען ער זאגט אשרי, וויפיל גדולת הבורא ברענגט מען ארויס מיט די שירות ותשבחות. און דעמאלטס שטייט ער און ער דאווענט, און ער בעהט פונעם אייבערשטען. א מענטש קען האבען א געוואלדיגע סיפוק הנפש פון תפלה. ווילאנג מען איז נישט אריינגעקומען אינעם

טעם, קוקט מען עס אן ווי אן עול, איך דארף שוין ווייטער דאווענען, ווייטער זאגען די ווערטער. תפלה איז נישט א עבודה מיטן מויל, עס איז א עבודה שבלב. דו דאווענסט נישט מיטן מויל, עס איז א עבודה אינעם הארץ, מען דארף נאר ארויסזאגען די ווערטער מיטן מויל. יעצט איז די צייט, וואס מען דארף אוועקגעבן צייט אויף די שעה וואס מען דאווענט. זמן תפלה לחוד וזמן תורה לחוד (שבת י.), אין די זמן פון תורה דארף מען פלייסיג לערנען, **און אין די צייט וואס מען דאווענט, דארף מען דאווענען מיט כוונה. אנהייבען מיט א קליינינגקייט, מיט א מנחה, עס נעמט נישט אזוי לאנג. עס נעמט צען פופצן מינוט, צו דאווענען א מנחה. די פופצן מינוט גיי איך דאווענען ערליך, נישט ארומקוקען, נישט לאכען, נישט האבען צוטון מיטן חבר, איך שטעל זיך יעצט דאווענען פארן אייבערשטען. מעריב נעמט אויך נישט לאנג, און אזוי קומט מען אריין צוביסלעך אינעם דאווענען.** שחרית איז די שווערסטע, עס איז די לענגסטע, מען דארף האלטן קאפ א לאנגע צייט, אבער מען דארף אנהייבען צו טון אין עבודת התפלה, און נאכדעם שפירט מען א טעם אינעם דאווענען.

**די** צווייטע זאך איז מדות טובות. עס איז דא די וואך אין די פרשה א ווארט פונעם הייליגען **בני יששכר** (**אגרא דכלה** פרשת ויחי). מען זעהט אז יעקב אבינו האט געבענטשט אלע שבטים, זיינע אייגענע קינדער, און ער האט געבענטשט די קינדער פון יוסף, אפרים מיט מנשה. ווען ער האט געענדיגט צו בענטשען אפרים מיט מנשה, האט ער געזאגט, בך יברך ישראל לאמר, יודען וועלן זיך שטענדיג בענטשען אין ענק, מען וועט זאגען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, דער אייבערשטער זאל געבן, אז דו זאלסט זיין אזוי ווי אפרים מיט מנשה. וישם את אפרים לפני מנשה (מח-כ), ער האט געשטעלט אפרים קודם, און נאכדעם מנשה. מנשה איז געווען עלטער, אבער ער האט מקדים געווען אפרים פאר מנשה. פארוואס וועלן זיך יודען בענטשען נאר אין אפרים און מנשה. אויב מען וועט זיין אזוי ווי ראובן שמעון און לוי איז שלעכט? אז מען וועט זיין אזוי ווי יששכר איז שלעכט? פארוואס וועלן זיך יודען בענטשען נאר מיט אפרים און מנשה.

**זאגט** דער הייליגער **בני יששכר**, יעקב אבינו האט געזען ביי אפרים און מנשה אז זיי זענען אויסגעארבעט אין זייערע מידות. ער האט געזען אז זייערע מידות זענען העכער פון די מידות פון די איבריגע שבטים. מיט וואס האט ער עס געזעהן. זיי זענען געווען צוויי ברודערס, מנשה איז געווען דער עלטערער, און אפרים איז געווען דער יונגערער, און ער האט ארויפגעלייגט זיין רעכטע הענט אויף אפרים, און די לינקע האנט אויף מנשה. ער האט מקדים געווען א יונגערער ברודער, פאר'ן עלטערער.

**בדרך** כלל וואס געשעהט ווען דער טאטע גיט מער חשיבות פאר א יונגערער ברודער ווי פאר א עלטערער, שרייט ער, איך בין עלטער, פארוואס גיט מען אים קודם, מיר קומט פריער. און ביי יעקב אבינו האט דאך דאס געמיינט אז ער האט אוועקגעגעבן מער ברכות פאר די רעכטע האנט, ווי פאר די לינקע האנט. וואלט דאך מנשה געדארפט ארויסגיין פון די כלים, פארוואס גיט מען פאר אפרים מער פון מיר. און אפרים וואלט געדארפט זיין א בעל גאוה, מיך האט מען אויסגעקליבען פאר יענעם. מנשה האט מען געלייגט אין די זייט, און מיר האט מען געגעבן קודם. און ער האט אנגעקוקט אפרים מיט מנשה, און ער האט געזען, אז אפרים איז נישט געווארן א בעל גאוה, און מנשה האט נישט געהאט קנאה. זיי זענען געווען אויסגעארבעט אין זייערע מידות. **מנשה האט עס אנגענומען, אז דער זיידע פארשטייט אזוי איז עס גוט. איך בין נישט מקנא מיין ברודער, איך וועל האבען וואס איך דארף האבען, און מיין ברודער וועט האבען וואס איז פאר אים באשערט צו האבען. אפרים האט זיך נישט שטאלצירט איבער מנשה, זיי זענען געבליבען אזוי ווי פאר דעם.** דאס האט ער באוואונדערט, ווייל דאס האט ער נישט געזען ביי די איבריגע שבטים.

**ביי** די איבריגע שבטים שטייט אין פסוק (לז-ד) וישנאו אותו, ולא יכלו דברו לשלום. ער האט מקרב געווען יוסף פאר די ברודערס, איז געווען א שנאה. זיי האבען נישט געהאט די מידה וואס ער האט געזען ביי אפרים און מנשה. האט ער געזאגט, 'בך יברך ישראל לאמר', ווען יודען וועלן זיך בענטשען,

וועלן זיי זיך בענטשען, מיר ווילן האבען קינדער בעלי מידות. 'ישימך אלקים', דער אייבערשטער זאל דיר געבן, אז דו זאלסט זיין 'כאפרים וכמנשה', דו זאלסט האבען די מדה פון אפרים, אז דו זאלסט נישט שטאלצירען, נאר זיך האלטן קליין. און דו זאלסט האבען די מדה פון מנשה, אז דו זאלסט נישט האבען קיין קנאה. ווייל 'וישם את אפרים לפני מנשה', ער האט דאך געשטעלט אפרים פאר מנשה, וואלט דאך מנשה געדארפט האבען קנאה אויף אפרים, און אפרים וואלט זיך געדארפט שטאלצירען, אז מען האט אים אויסגעקליבען פאר דעם. און ער האט געזען אז עס איז געווען ביי זיי מידות טובות, וועגען דעם איז בך יברך ישראל לאמר, אין זיי דארף מען זיך בענטשען.

**די** חשיבות פון א יוד איז, אז אויסער דעם וואס מען דארף שטייגען אין תורה, דארף מען זיין א מענטש. איך זאג אסאך מאל, אז אמאל האט מען געזאגט אויף א מענטש אז ער איז א 'אדם גדול'. אין חז"ל שטייט אלץ אז ער איז א אדם גדול. היינט איז דער סדר אז מען זאגט, אז ער איז א 'גדול'. ווייל אין חז"ל איז געווען א חשיבות, אז מען איז קודם כל א אדם, **מען דארף זיין א מענטש, און נאכדעם דארף ער אויך זיין דערצו א גדול. היינט איז 'מענטשן' דא ווייניג, אבער א 'גדול' קען ער זיין.** ער איז א 'גדול', אבער עס פעלט דער 'אדם גדול'. אפרים און מנשה זענען געווען א אדם, זיי זענען געווען מענטשליך, זיי האבען געהאט אין זיך מידות טובות, און זיי זענען געווען אויך גרויס אין תורה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין, פלייסיג לערנען, און שטייגען אין תורה און עבודת ה', און אויסוואקסען בעלי מידות טובות. זיך ארייננלייגען אין עבודת התפלה, מען זאל האבען אלע דריי עמודים אויף וואס די וועלט שטייט. על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות א-א). תורה דאס איז לערנען, עבודה דאס איז תפלה, און גמילת חסדים איז מענטשליכקייט איינער מיטן צווייטען. איר זאלט שטייגען אין תורה און עבודה און אין גמילות חסדים, אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה', און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת, און מיר זאלן אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של בת הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו (לעיקוואד), עב"ג בן הר"ר **גרשון קרויס** הי"ו (סיגעיט).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ח סעיף ב') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** געפונט ווען יוסף האט זיך באקענט מיט די ברודערס, האט ער זיי געזאגט, אני יוסף, איך בין יוסף, העוד אבי חי, דער טאטע לעבט נאך. ולא יכלו אחיו לענות אותו, און די ברודערס האבען אים נישט געקענט ענטפערן, כי נבהלו מפניו, ווייל זיי זענען דערשראקען געווארן פון זיין פנים (מה-ג). וואס איז געווען די שאלה העוד אבי חי, צו דער טאטע לעבט, די ברודערס זענען דאך נישט געווען יעצט אינדערהיים. אין סוף פרשת מקץ שטייט, אז ווען זיי זענען צוריקגעקומען מיט בנימין, איז געווען די ערשטע שאלה וואס יוסף האט זיי געפרעגט, השלום אביכם הזקן, ויאמרו שלום (מג-כז), זיי האבען געענטפערט אז אלעס איז אין ארדענונג. נאכדעם זענען זיי אהיימגעפארן, און אינמיטן וועג האט מען זיי צוריקגעברענגט וועגן די גביע וואס מען האט געטראפן ביי בנימין. און יוסף האט זיך מתגלה געווען פאר זיי, און ער האט זיי געזאגט אני יוסף אחיכם, איך בין ענקער ברודער יוסף. פארוואס פרעגט ער זיי נאכאמאל, העוד אבי חי. דו ווייסט דאך אז ער לעבט, מען האט דאך דיך געזאגט א פאר טעג צוריק. און איך זעה נישט אז זיי האבען אים בכלל געענטפערט, צו דער טאטע לעבט צו נישט. ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו.

**שפעטער** ווען מען איז געקומען צו יעקב, און מען האט אים פארציילט אז יוסף לעבט, וכי הוא

מושל בכל ארץ מצרים, ויפג לבו כי לא האמין להם, וידברו אליו את כל דברי יוסף אשר דבר אליהם, מען האט אים געזאגט אלעס וואס יוסף האט געזאגט, ותחי רוח יעקב אביהם (מה-כו). פארוואס האט ער קודם נישט געגלייבט, און נאכדעם האט ער יא געגלייבט.

**די** גמרא (סוטה לו:) זאגט, אז ווען יוסף האט געהאט די נסיון אין מצרים ביי אשת פוטיפר, נראית לו דמות דיוקנו של אביו. עס איז דא איין דעה אין די גמרא, אז לעשות צרכיו נכנס, און ער האט געזעהן די דמות פונעם פאטער, און וועגען דעם האט ער נישט געזינדיגט. דער ענין דערפון איז, עס שטייט אין **ישמח משה** (פ' וישב), אויפן פסוק (לז-ג) וישראל אהב את יוסף מכל בניו כי בן זקונים הוא לו. אז רש"י טייטשט, אז זקונים איז פון לשון זקן שקנה חכמה, אז אלעס וואס ער האט געלערנט ביי שם ועבר, האט ער איבערגעגעבן פאר יוסף. א צווייטע פשט זאגט רש"י, שהיה זיו איקונין שלו דומה לו, די צורה פון יוסף האט אויסגעקוקט אזוי ווי יעקב.

**זאגט** דער **ישמח משה** אז ביידע פשטים זענען עולה בקנה אחד, עס איז פארבינדען איין פשט מיטן צווייטען. ווייל עס שטייט אין **רמב"ן** (בראשית ה-א) אז ווען די חכמים הראשונים האבען געוואלט לערנען מיט איינעם תורה, און אים איבערגעבן סודות התורה, האבען זיי דערקענט אויף די שטריכען פונעם פנים, אין וואס פאר א מדריגה דער מענטש איז. און מען האט נישט איבערגעגעבן פאר יענעם דברי תורה, נאר ווען מען האט דערקענט אין זיינע שרטוטין וואס איז אויף זיין צורה אז ער איז ערליך, און מען קען אים איבערגעבן דברי תורה.

**זאגט** דער **ישמח משה**, ווען יעקב האט געוואלט איבערגעבען אלעס וואס ער האט געלערנט פון שם ועבר פאר א קינד, האט ער זיך אומגעקוקט אויף אלע זיינע קינדער, ווער עס האט די שרטוטין וואס ער איז ראוי אז מען זאל אים איבערגעבן די תורה, און ער האט נישט געטראפען נאר יוסף. שהיה זיו איקונין שלו דומה לו, נישט נאר סתם די אויסזען פון אים איז געווען די זעלבע, נאר די גאנצע צורה פון יוסף, די אלע שטריכען וואס ער האט געהאט, האט צוגעפאסט מיט יעקב, און וועגען דעם האט יעקב איבערגעגעבן די תורה פאר יוסף. וישראל אהב את יוסף מכל אחיו, פארדעם האט ער אים ליב געהאט, ווייל כי בן זקונים הוא לו, עס איז געווען זיו איקונין שלו דומה צו יעקב, און וועגען דעם איז כל מה שלמד משם ועבר, האט ער איבערגעגעבן פאר יוסף, ווייל ער האט געהאט אין זיך די שטריכען פון יעקב.

**די** משנה (אבות ב-א) זאגט, הוי מחשב שכר עבירה כנגד הפסדה. **ווען א מענטש האט א נסיון פון א עבירה, און ער קען עפעס פארדינען פון די עבירה, א הנאה, אדער געלט, אדער אנדערע זאכען וואס ער קען הנאה האבען פונעם חטא. דארף ער טראכטען, אמת, איך וועל האבען א הנאה, אבער וואס וועט זיין דער הפסד, וואס וועל איך נאכדעם שאדען האבען פון די הנאה. די שאדען איז אסאך מער פון די הנאה וואס איך קען האבען.** קיינער גייט נישט אריין אין א ביזנעס וואס קודם וועט ער פארדינען אפאר גילדען, און נאכדעם וועט ער דערלייגען זיין גאנצע פארמעגן. ווען ער גייט אריין אין א געשעפט, וויל ער אז ער זאל פארדינען. ווען א מענטש מאכט א חשבון, און ער גלייבט אז שפעטער וועט ער אדורכגיין א דין וחשבון כדי ממרק צו זיין די חטא וואס ער האט געטון, לוינט זיך נישט דער געשעפט. ער גייט יעצט טון א עבירה פאר א געוויסע הנאה, און דער שאדען וועט זיין אסאך גרעסער. הוי מחשב שכר עבירה כנגד הפסדה, קוק וואס דו פארדינסט פון די עבירה, און קוק די שאדען וואס דו וועסט האבען. **ווען א מענטש זאל וויסען, מען ווארנט אים פארדעם, טו נישט די עבירה, ווייל טאמער יא וועט מען אונטערצינדען דיין הויז ל"ע, וועט ער נישט גיין טון די עבירה, ער וועט נישט וועלן שאדען האבען זיין הויז. אבער די שכר עבירה זעהט מען, אבער די הפסד פון די עבירה זעהט מען נישט מיט די אויגען.** אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות (סוטה ג.), דער יצר הרע מאכט אוועק די הפסד פון די עבירה, קוק נאר אויף די שכר וואס דו וועסט האבען פון די עבירה.

**יוסף** האט אנגעקוקט זיין צורה, וואס זיו איקונין שלו איז געווען דומה לשל יעקב. ער האט די

זעלבע צורה פון יעקב. אלע מדריגות וואס איז דא אין יעקב, וואס יעקב איז געווען ראוי מקבל צו זיין די תורה, האט ער אויך. און ער האט געמאכט א חשבון, איך האב א נסיון פון א עבירה, און טאמער איך גיי טון די עבירה, וועל איך פארלירען מיין זיו איקונין וואס איך האב. איך וועל שוין נישט אויסקוקען אזוי ווי יעקב, דאס האט אים צוריקגעהאלטען אז ער זאל נישט זינדיגען. ער האט מחשב געווען די שאדען וואס ער וועט האבען, אקעגען דעם ריוח.

**ויהי** כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו (לט-יא), ער האט געוואלט גיין טון א עבירה. נראית לו דמות דיוקנו של אביו, איז אים אקעגן געקומען, אז ער האט אויף זיך דעם דמות דיוקנו פונעם פאטער, ער גייט נישט קאליע מאכען זיין דמות דיוקנו וועגען די הנאה פון די עבירה, האט ער זיך צוריקגעהאלטען, און ער איז ארויסגעגאנגען אינדרויסען.

**איך** האב געזען אין איינע פון די מפרשים, אז די גמרא זאגט, באותה שעה באתה דיוקנו של אביו, ונראתה לו 'בחלון', ער האט געזען דעם דמות דיוקנו של אביו אינעם פענסטער. אסאך מאל ווען מען גייט צו צום פענסטער, זעהט מען די אייגענע צורה. און אזוי ווי זיין צורה איז דאך געווען די זעלבע צורה פון יעקב, איז ווען ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, און ער האט געזען זיין צורה, האט ער זיך דערמאנט אין יעקב, ווייל זיין אויסזעהן איז געווען די זעלבע אזוי ווי יעקב האט אויסגעקוקט. און דאס גייט ער שאדען האבען, האט ער נישט געוואלט, איז ער ארויסגעלאפען. און ער איז געבליבען מיט זיין קדושה און ערליכקייט אויך אויף שפעטער.

**ווען** יוסף האט געטראפען זיינע ברודערס, האט ער געוואוסט אז סתם זאגען פאר די ברודערס אז ער איז יוסף, וועט נישט זיין אזא גרויסע שמחה ביי זיי. ווער ווייסט וואס פארא יוסף ער איז, צוויי און צוואנציג יאר אין מצרים, א מלך אין מצרים. האט ער פארשטאנען, אז כדי משמח צו זיין די ברודערס מוז ער ווייזען אז ער איז געבליבען מיט זיין קדושה, וואס ער איז געווען פריער. האט ער זיי געזאגט, קוקטס אויף מיין צורה, מיין זיו איקונין האט דאך אויסגעקוקט אזוי ווי דעם טאטענס, וועט איר זעהן, אז מען זעהט נאך אלץ די צורה פונעם טאטן אויף מיר. פון דעם וואס איר וועט זעהט אז מיין צורה איז נישט נשתנה געווארן, וועט איר וויסען אז איך בין אין די זעלבע מדריגה וואס איך בין דעמאלטס געווען.

**זאגט** דער פסוק, ווען יוסף האט זיי געזאגט אני יוסף, אז ער איז יוסף, האט ער זיי געזאגט, העוד אבי חי, 'די צורה פון מיין טאטע'ן לעבט נאך אויף מיר'. ווען איר קוקט מיך אן, זעהט איר די צורה פון מיין טאטען. ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו, זיי האבען אנגעקוקט זיין פנים, זענען זיי דערשראקען געווארן. זי האבען געזען אז דער זיו איקונין איז נישט געטוישט געווארען ביי אים, פון דעם וואס איז געווען פריער.

**ווען** מען איז געקומען צו יעקב, און מען האט אים דערציילט אז יוסף לעבט. און אוודאי סתם אז יוסף לעבט, מיט דעם האט מען גארנישט משמח געווען יעקב. נאר מען האט אים געזאגט אז יוסף איז ערליך, ער איז געבליבען א הייליגער יוד אין מצרים. מען האט אים געזאגט, עוד יוסף חי וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים, ער איז א מושל אויף מצרים, און נישט מצרים איז מושל אויף אים, ער איז געבליבען א מושל ביצרו אויך אין מצרים. ויפג לבו כי לא האמין להם, עס איז נישט מעגליך צו זיצען אזויפיל יארן אין מצרים, און ער זאל זיין ערליך.

**יוסף** האט געזאגט פאר די ברודערס, אז איר זאלט דערציילען פארן טאטען 'את כל אשר ראיתם', אלעס וואס איר האט געזען, איר זאלט דערציילען וואס איר האט אליין געזען מיט די אויגען אויף מיר. וידברו אליו את כל דברי יוסף, ווען מען האט אים איבערגעגעבן אלעס וואס יוסף האט געהייסען אז מען זאל איבערגעבען פארן טאטען, את כל אשר ראיתם, אז איר האט געזען די צורה פון יוסף, ותחי רוח יעקב אביהם, דעמאלטס האט ער אויפגעלעבט.

*

***יום שלישי פרשת ויחי***

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הרה"ג רבי **שמשון ראאב** שליט"א (מרביץ תורה בקהלתנו הק'), עב"ג בן הר"ר **ברוך הלל פאלקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום רביעי פרשת ויחי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הרה"ג רבי **אשר אנשיל כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי משה שמואל ראטענבערג שליט"א** אב"ד קאזעווע (פלעטבוש), שהתקיים בבית המדרש קאזעווע.

*

***יום חמישי פרשת ויחי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **יעקב מרדכי** נ"ו בן הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א, דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא (ב"פ). אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

*

***ערב שבת קודש פרשת ויחי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **שמואל זיידא** נ"ו בן הר"ר **מאיר יצחק דוד לאנדא** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***שבת קודש פרשת ויחי***

**רבינו שליט"א** הגיע לשבות את שבתו בקרב קהל עדתינו ואנשי שלומינו בעיר מאנסי יצ"ו.

תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו התאחדות אברכים. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה.

אחר קבלת שבת קיבל **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ הביהמ"ד את פני **רבינו שליט"א**, והמשיך בשיעורו השבועי בהלכות שבת. - סעודת ליל שבת קודש והבאטע ערך **רבינו שליט"א** בבית ידידינו הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א. בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א.

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא של הר"ר **זלמן לייב איזענבערגער** הי"ו, (בן הרה"ג רבי **מאיר איזענבערגער** שליט"א, דומ"ץ דביהמ"ד שפע חיים צאנז, חתן הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א), שהתקיים בבית המדרש צאנז.

תפלת מנחה וסעודה שלישית התקיים בבית מדרשנו (רח' 306). בסיום אמירת דברי תורה בדרוש ואגדה, השמיע רבינו שליט"א דברות קודש בדרי מוסר והתחזקות לקראת ימי השובבי"ם הבעל"ט. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ קהלתנו הק' במאנסי.

***וזה תוכן הדברות קודש לימי השובבי"ם:***

**...אין** הייליגע ספרים שטייט זייער גרויס אויף די טעג פון שובבי"ם, אז עס איז טעג וואס מען קען זיך גרינגער מקרב זיין צום אייבערשטען, און מתקן זיין וואס מען האט געזינדיגט. אפילו אין די מקומות וואס מען האט זיך נישט אזוי אפגעגעבן מיט די ימי השובבי"ם, אבער אין אן עיבור יאר, שובבי"ם ת"ת, איז געווען אין אלע מקומות מער דער ענין. עס שטייט אין הייליגע ספרים אז די תיקונים איז מער אין א עיבור יאר ווי אין א אנדערע יאר. מען זאגט סליחות אין א עיבור יאר וואס אין א געווענליכע יאר זאגט מען נישט סליחות. די טעג האבען אין זיך א ספעציעלע כח, אז א מענטש זאל זיך קענען מתקן זיין.

**א** מענטש ווערט אבער זאגען, ווי האב איך כח, איך פיל מיך אזוי ווייט, מען געפונט זיך אין אן ערות הארץ, מען קען נישט ארויסגיין אויפן גאס און מען זאל נישט נכשל ווערן. מיר וואוינען נישט אין קליינע דערפעלעך, אזוי ווי מען האט אמאל געוואוינט, און מען האט געהאט הייליגע אויגען, און הייליגע שכנים ארום און ארום. און עס האט געקענט אדורכגיין וואכען און חדשים און מען האט נישט באמערקט א גוי, אז מען זאל האבען עפעס א שייכות מיט אים. מען איז געזעסען ביי זיך אין שטוב, און געדינט דעם אייבערשטען. עס איז אן אנדערע וועלט היינט, די גוים זענען טויזנט מאל ערגער געקליידעט ווי זיי זענען געווען אמאל, מען וואוינט צווישן זיי, די נסיונות וואס איז דא היינט, דער אינטערנעט מיט די אלע זאכען, וואס נעמט אראפ דעם מענטש פון זיינע כוחות, ווי האב איך די מעגליכקייט אז איך זאל מיך קענען האלטן. ליינט מען בעפאר מען גייט אריין אין די ימי השובבי"ם די פרשה פון יוסף, וואס ער איז געווען עומד חי בצדקו לפני ה', מען ענדיגט פרשת ויחי אז יוסף האט געלעבט ביז די הונדערט און צען יאר אין מצרים, און ער האט זיך געפירט ערליך. ווי אזוי האט ער זיך געפירט ערליך, נראית לו דמות דיוקנו של אביו, מען דארף געדענקען פון וואס פאר א שטוב מען קומט, געדענקען ווי אזוי די עלטערן האבען אויסגעקוקט, מען דארף זיך הרג'ענען פארן אייבערשטען, מען דארף זיך פארברענען פארן באשעפער, און זיך האלטן ערליך.

**און** אזוי ווי ביי יוסף האט דער אייבערשטער אריינגעגעבן א ניצוץ פון יעקב אז ער זאל זיך קענען האלטן ערליך, די זעלבע איז ביי יעדען ערליכער יוד, הבא ליטהר מסייעין אותו (שבת קד.), אז מען וויל זיך אמת'דיג מטהר זיין, איז דא א סיוע פונעם אייבערשטען. דער באשעפער העלפט אז מען זאל נישט נכשל ווערן. מען דארף נאר טון. עס דארף זיין דער 'הבא' ליטהר מיט אן אמת'דיגע כוונה אז מען וויל זיך מטהר זיין.

**בעפאר** מען גייט אריין אין די ימי השובבי"ם לערנט מען די פרשה פון יוסף, קוק ווי יוסף האט געהאט א נסיון, און ער האט גארנישט דערלייגט אויף די נסיון. ער איז נאכדעם געווארן דער חשוב'סטער פון אלע ברודערס, אלע ברכות האט ער איבערגענומען, מען האט נישט געגעבן די ברכות פאר דעם וואס האט נישט געהאט א נסיון. ראובן שמעון און לוי האבען נישט באקומען די ברכות. תבואתה לראש יוסף, יוסף וואס האט געהאט די נסיונות, אלע יארן אפגעלעבט צוזאמען מיט גוים, אפילו ווען יעקב אבינו איז אראפגעקומען קיין מצרים, האט ער נישט געוואוינט מיט יעקב. ער איז געווען בבית המלכות, און זיי האבען געוואוינט אין גושן. און ווען יעקב איז קראנק געווארן, האט מען אים געלאזט רופען. יוסף האט געוואוינט צווישן די גויים, און ער האט זיך געפירט מיט אזא קדושה. ווען א יוד וויל זיך פירען ערליך, גיט מען אים פון הימל די כוחות אז ער זאל זיך קענען פירען ערליך. ליינט מען די פרשה פריער, אז מען זאל וויסען אז מען קען האבען סייעתא דשמיא, אז דער אייבערשטער זאל העלפען אז מען זאל זיך קענען פירען בקדושה.

**מען** זאל זיך מתבונן זיין אין די פרשה, וואס מען זעהט אז דער אייבערשטער האט אויפגעהויבען יוסף, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. ווען א יוד גיט זיך אוועק פארן אייבערשטען, באצאלט אים דער אייבערשטער צוריק כהנה וכהנה. משם רועה אבן ישראל, פון דארט האט ער זוכה געווען צו זיין א רועה אבן ישראל. רש"י זאגט, אז 'אבן' דאס איז אב ובן. ווייל ביי יוסף איז געווען דער אב ובן צוזאמען, ווייל ער איז געווען סיי יעקב און סיי דער בן אויך, ער איז געווען 'אבן' ישראל, ער איז געווען צוזאמען דער אב מיט דער בן אינאיינעם.

**מען ווייסט, אז נישט נאר אינדערהיים, נאר אפילו דאהי, ווען מיר זענען געווען יונג, איז געווען אנגעפילט די בתי מדרשים יעדן ערב שבת צופרי, און יודען האבען אויסגעזאגט תהלים. ווען איך בין געווען א קינד, און איך פלעג אריינקומען אין בית המדרש האב איך נישט געהאט א פלאץ וואו צו זיצען. יודען זענען אויפגעשטאנען, און מען האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים אין די טעג. ארבייטערס וואס האבען שווער געארבעט פון צופרי ביז ביינאכט, ווען עס איז געקומען שובבי"ם, די צייט**

**וואס מען דארף עפעס אויפטון, מען דארף מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטען, האט מען מער מרבה געווען בתפלה ובתחנונים. תהלים וואס מען זאגט, און מען איז מתפלל, איז א גרויסער ענין. און מען דארף עס זאגען ערליך, און מיט כוונה, יעדער איינער לפי ערכו, וויפיל ער פארשטייט, און וויפיל ער קען. ער קען נישט זאגען גאנץ תהלים, זאל ער זאגען האלב תהלים, זאל ער איינמאל אין צוויי וואכען ענדיגען תהלים, אבער נישט לאזען אדורכגיין די טעג ליידיג און גארנישט.**

**אונזער** נסיון פון דעם דור איז אינטערנעט. מען דארף נישט מאריך זיין, יעדער ווייסט דערפון. **מען רעדט נישט פון די וואס האבען אינטערנעט און זיי האבען גארנישט ארויפגעלייגט דערויף, וואס ער איז א פשוטער עבריין. ווי אלע גדולי ישראל האבען אפגעפסק'נט אז צו האבען א כלי, סיי אין די ביזנעס און סיי אין שטוב, עס איז נישט קיין חילוק ווי עס איז, און עס האט נישט אויף זיך א פילטער, איז מען א עבריין אז מען גייט ארום דערמיט. עס איז א דבר ברור אז מען זינדיגט, עס איז נישט מעגליך אנדערש. מיר האבען נישט די כוחות פון יוסף הצדיק, אז מען זאל נישט זינדיגען. איך רעד פון די וואס האבען יא א פילטער, זיך פארנעמען אין די טעג עפעס מוסיף צו זיין. אין דעם אליין איז דא צענדליגער גדרים, מען זאל עפעס צוגעבען, עפעס טון א פעולה מער אין קדושה. א קלייניקייט, נישט קיין גרויסע זאכען, איין לעווע"ל ארויפגיין, איין זאך ממעט צו זיין, עפעס צו טון פאר זיך גדרים וסייגים, ווייזען פאר זיך אליין, מען דארף זיך אפשטעלן, מען דארף זיך קענען אביסל קאנטראלירען.**

**און** אז א מענטש טוט פאר זיך וואס ער קען, ער מאכט זיך גדרים וסייגים, העלפט אים דער אייבערשטער, עס איז דא היינט נסיונות מיט די קינדער, אז זיי זאלן קענען אויפוואקסען ערליכע יודישע דורות. יוסף האט אויפגעשטעלט מיט זיין קדושה אפרים און מנשה, וואס זענען געווען א דור שפעטער, און פון דעסטוועגען דאך כראובן וכשמעון יהיו לי. ביז יעקב אבינו איז נישט אראפגעקומען, האבען אפרים און מנשה נישט געזען אן ערליכען יוד פאר די אויגען, זיי האבען נאר געזען גוים, און זיי זענען אויסגעוואקסען אז אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי. ווי אזוי קען דאס זיין, אז מען זאל ערציען אזעלכע קינדער, יוסף איז געווען א משנה למלך, און ער האט געקענט ערציען קינדער וואס זאלן זיין מיט אזא קדושה ווי ראובן ושמעון, עס איז מבהיל על הרעיון וואס יוסף האט אויפגעטון אין מצרים. **ווען א יוד פירט זיך ערליך, ער פירט זיך אליין בקדושה, באצאלט אים דער אייבערשטער א ברכה אין די קינדער.** מען דארף היינט אסאך ברכות אויף די קינדער, אז זיי זאלן זיין ערליך, און זיי זאלן נישט אוועקפאלען ח"ו, און מען זאל קענען זעהן ביי זיי נחת. ווען א יוד טוט ביי זיך וואס ער קען, ער מאכט זיך גדרים וסייגים, פועלט עס, אז ער זאל קענען אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען, מתוך שמחה וטוב לבב. יעדען נסיון וואס א יוד האט, טוט עס אים מער מכשיר זיין אז ער זאל קענען באקומען נאך א ברכה פונעם אייבערשטען, אזוי ווי עס איז געווען ביי יוסף. יעדע נסיון וואס ער האט געהאט, האט עס אים נאר העכער געברענגט, אז ער האט זוכה געווען, תבואתה לראש יוסף ולקדקד נזיר אחיו. זאלען מיר זוכה זיין צו די אלע ברכות, וואס יעקב האט געבענטשט די שבטי י-ה. מען דארף זיך נאר מאכען כלים אז מען זאל קענען זוכה זיין צו די ברכה. דער באשעפער זאל העלפען, אז מיר זאלן קענען אקעגען גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

במוצאי שבת התקיימה הדינער השנתי לטובת התלמוד תורה דקהלתנו המתנוסס לתפארה בעיר מאנסי, באולם קראון פלאזא האטעל, בהשתתפות רבנים חשובים, וציבור נרחב תומכי תורה ואנשי שלומינו, הורי וזקני התלמידים, בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א.

את הדינער פתח היו"ר הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו, וכיבד את **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו במאנסי לשאת דברים. בפרס 'נזר עטרת זקנים' נתעטר הר"ר **שמואל יוסף הכהן מארקאוויטש** הי"ו, ובפרס 'נזר ההורים' נתעטר הר"ר **שלמה דאסקאל**

הי"ו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. דרשה נפלאה השמיע הרה"ג רבי **יחזקאל ארון ראטה** שליט"א (ק"י, יוצאי ת"ת). בברכת המזון נתכבד המנהל **הרה"ג רבי ברוך מאסקאוויטש שליט"א אב"ד יאמפאלי.**

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, בשעת די ברודערס זענען צוריקגעקומען פון די לויה פון יעקב אבינו, האבען זיי מורא געהאט אז יוסף גייט זיך יעצט אפרעכענען מיט זיי אויף די אלע יארן וואס זיי האבען אים ווי געטון. און זיי האבען געשיקט שלוחים, אז דער פאטער האט געהייסען אז ער זאל זיי מוחל זיין. און יוסף האט זיי געזאגט, אתם חשבתם עלי רעה, איר האט געטראכט מיך שלעכטס צו טון, אלקים חשבה לטובה, דער אייבערשטער האט געטראכט אויף גוטס, להחיות עם רב (נ-כ), אז מען זאל קענען זיין אין מצרים, און מען זאל קענען לעבן אזוי ווי דער היינטיגער טאג.

**דער** הייליגער יוסף הצדיק זאגט פאר די שבטי י-ה, אתם חשבתם עלי רעה, איר האט געטראכט שלעכטס. אזוי רעדט מען צו ברודערס? יוסף איז געווען דער געוואלדיגער בעל מדות, וואס ער האט זיי אזוי שיין אויפגענומען די אלע יארן, און ער האט זיי געטון אזויפיל גוטס, פארוואס האט ער דערמאנט אז ואתם חשבתם עלי רעה, אז זיי האבען געטראכט אים צו טון שלעכטס, נאר ער האט עס שפעטער אויסגעבעסערט אז אלקים חשבה לטובה, אז דער אייבערשטער האט געטראכט גוטס.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (תורת משה בפרשתנו רכד:) זאגט א דבר נפלא. מען ווייסט אז ווען יוסף הצדיק איז געווען אין מצרים, האט ער געהאט א געוואלדיגע נסיון מיט אשת פוטיפר. אין א שטוב ווי ער האט געדארפט זיין דארט פיר און צוואנציג שעה, האט זיך אים אונטערגעריקט אזא נסיון, אזוי ווייט אז עס איז דא א דעה אין די גמרא (סוטה לו:), אז ער האט מער נישט געקענט עומד זיין בנסיון, און ער איז אריינגעגאנגען לעשות צרכיו, ויהי כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו (לט-יא). נאר ער איז דאך געווען א צדיק, האט דער אייבערשטער געשיקט פאר אים די צורה פון יעקב אבינו, נראית לו דמות דיוקנו של אביו, ער האט געזען די צורה פונעם פאטער, און ווען ער האט געזען דעם טאטען, האט ער נישט געזינדיגט. וינס ויצא החוצה, ער האט איבערגעלאזט זיין רעקל, און ער איז ארויסגעלאפן פון שטוב.

**עס** איז דא א טייער ווארט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (זוהר ח"ג רכא.), עס איז מרומז אינעם פסוק, ויהי כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו, ואין איש מאנשי הבית שם בבית, עס איז נישט דארט געווען קיין איינער פון די אנשי הבית. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז מען געפונט אז יעקב אבינו איז נישט געווען א מענטש, ויקרא לו א-ל אלקי ישראל (לג-כ), דער אייבערשטער האט גערופן יעקב, אז ער איז א א-ל. איך בין א א-ל בעליונים, און יעקב איז א א-ל בתחתונים (ב"ר עט-ח). יעקב האט אנגערופן דעם מקום המקדש מיטן נאמען 'בית'. אברהם קראו הר, יצחק קראו שדה, יעקב קראו בית (פסחים פח.). זאגט די תורה, 'ויהי כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו', יוסף האט געוואלט אריינגיין טון א עבירה, 'ואין איש', און דער וואס איז נישט א מענטש, דער יעקב אבינו וואס איז נישט א איש, ער איז א א-ל. 'מאנשי הבית', ער איז פון די וואס האבען גערופן דעם בית המקדש מיטען נאמען בית. 'שם בבית', ער איז געווען דארט אין שטוב. און ער האט צוריקגעהאלטען יוסף אז ער זאל נישט זינדיגען.

**פרעגט** דער הייליגער **חתם סופר** א געוואלדיגע קשיא, אז דער אייבערשטער האט געשיקט א שליח, דמות דיוקנו של יעקב, צוריק צו האלטען יוסף אז ער זאל נישט זינדיגען. פארוואס בשעת מען האט פארקויפט יוסף, האט דער אייבערשטער נישט געשיקט א מלאך פאר די שבטים, א דמות דיוקנו של אביהם, זיי צוריקצוהאלטען אז זיי זאלן נישט טון אזא זאך, צו פארקויפן א ברודער קיין מצרים. ווען יוסף האט א נסיון אין מצרים, פארעט מען זיך אין הימל אז ער זאל נישט נכשל ווערן, און ווען מען רעדט פון די שבטי י-ה, פון די הייליגסטע וואס כלל ישראל האט, שיקט מען זיי נישט קיין שום שליחות פון הימל, זעהן צוריקצוהאלטען אז עס זאל נישט געשען מכירת יוסף.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, מכירת יוסף איז געווען כדי אז ווען מען וועט דארפן אראפשיקען

יודען קיין מצרים, און יודען וועלן דארפן זיין דארט אזויפיל יאר, וועט מען זיך נישט קענען האלטען אנדעם וואס יוסף גייט נישט קודם אויסטרעטן דעם וועג אין מצרים, אז יודען זאלן זיך שפעטער קענען געפונען דארט. יוסף האט מקדש געווען דאס פלאץ. יוסף האט געהאט זיינע נסיונות, און ער האט געהייליגט דעם מקום, אז מען זאל זיך קענען שפעטער האלטן דארט ערליך. ווען מען קומט אהין אן, דארף מען האבען מוסדות התורה, יוסף איז געווען דער עושר, ער האט בשנות הרעב אריינגעברענגט דאס גאנצע געלט קיין מצרים, און ער איז געווען ממונה פון פרעה אויפן געלט, ער האט געקענט טון מיטן געלט וואס ער וויל. און ער איז געווען דער זבולון, ער האט אויסגעהאלטן יעדן איינעם, ער האט געגעבן פאר יעקב מיט די קינדער וואס עס האט אויסגעפעלט. יוסף האט געדארפט זיין אין מצרים, כדי דארטן צוצוגרייטען פאר די קומענדיגע דורות.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, נישט נאר יוסף האט געדארפט זיין אין מצרים, נאר די שליחות ווער עס שיקט אראפ יוסף קיין מצרים, דארף אויך זיין דורך די שבטי י-ה. ווייל אויפצושטעלן קדושה, דארף עס זיין געבויט פון אנפאנג אן מיט קדושה. ווען יוסף זאל פארשיקט ווערן, דורך דעם וואס מען האט אים פארכאפט, און אוועקגעשיקט קין מצרים. גוים האבען אים אהין געטראגען, און ער וואלט געווען דארט די צוואנציג יאר, וואלט ער נישט געקענט אויפטון וואס ער דארף אויפצוטון, אויב זיין שולח וואס האט אים אהינגעשיקט איז נישט א צדיק. האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז די הייליגסטע וואס איז דא אין כלל ישראל, די שבטי י-ה, זאלן זיין די שלוחים אים אראפצושיקען קיין מצרים, אז ווען יודען וועלן שפעטער אהין קומען, זאלן זיי זיך קענען אויפהאלטן דארטן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, דער זעלבער באשעפער וואס האט געשיקט א שליח צו יוסף אז ער זאל נישט זינדיגען, ער האט אריינגעגעבן אן אכזריות אין די שבטי י-ה, אז מען זאל משלח זיין יוסף. די שבטי י-ה זענען נישט געווען מסוגל צו טון אזא זאך, צו פארקויפען א ברודער אויף מצרים, נאר דער רבונו של עולם האט געוואלט, אז מען זאל אנגרייטען א פלאץ אין מצרים, און יוסף דארף אהינגעפירט ווערן מיט א שליחות פון קדושה, האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אן אכזריות אין די שבטי י-ה אראפצושיקען יוסף קיין מצרים, און אזוי האט זיך כלל ישראל געקענט שפעטער אויפשטעלן דארטן.

**האט** יוסף געזאגט פאר די ברודערס, 'אתם חשבתם עלי רעה', איר האט געטראכט אויף מיר שלעכטס, מיך צו שיקען אויף מצרים, פאסט דאס דען פאר ענק, קינדער פון יעקב אבינו, מיך צו פארקויפן אויף מצרים. קען עס דען זיין אז עס קומט פון ענק, אז איר זענט אזעלכע אכזריים. 'אתם חשבתם עלי רעה', דאס וואס איר האט געטראכט צו טון רעה, 'אלקים חשבה', דער אייבערשטער האט ענק אריינגעגעבן די מחשבה. דאס איז נישט עטץ, דאס איז נישט דער מענטש אליין, עס קען נישט זיין אז שבטי י-ה זאלן טון אזא זאך, נעמען א ברודער צו פארקויפן אויף מצרים. דאס וואס אתם חשבתם עלי רעה, אז איר קענט טראכטען פאר מיר שלעכטס, דאס איז אלקים חשבה, דער אייבערשטער האט ענק אריינגעגעבן די מחשבה, 'לטובה', ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט 'להחיות עם רב', אז איך זאל אראפקומען אהין דורך צדיקים, און דורכדעם וועט מען זיך שפעטער קענען האלטען אינעם גלות.

*

**כלל** ישראל איז אין גלות, און אין גלות קען מען זיך נישט האלטען נאר דורך תורה הק'. אין לנו שיור רק התורה הזאת, עס איז נישט דא עפעס אנדערש. מחנך זיין קינדער היינט איז איינע פון די שווערסטע עבודות, עס איז נישט געווען נאך אזעלכע שווערע זמנים, אז קינדער זאלן אדורכגיין אזויפיל נסיונות, און זיי זאלן נישט אוועקפאלען. מען הערט ליידער זייער אסאך וואס פאלן אוועק, און קיינער איז נישט געזיכערט ביי זיך אז זיינע קינדער אדער אייניקלעך זענען נישט ע"ט ריס"ק. אבער אונזער פליכט איז, **אריינצוגעבן אזויפיל ערליכקייט און יראת שמים אין די קינדער**

**קליינערהייט, אז עס זאל זיך זיי נישט גלוסטען אוועקצוגיין ערגעץ אנדערש. מען דארף אריינלייגען 'אהבת' תורה ויראת שמים.** יעדעס קינד וואס קומט אין א ערליכע תלמוד תורה, און דאס קינד ווערט אויפגעבויט מיט תורה און יראת שמים, איז כאטשיג דא א האפענונג אז דאס קינד זאל דאס קענען מיטנעמען אויפן וועג שפעטער.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, צו דעם דארפן זיין ערליכע שלוחים, ערליכע מלמדים, וואס זאלן אריינלייגען דעם עבודת הקודש. און ווער זענען די שלוחים פאר דעם, דאס זענען היימישע יודען וואס געבן אוועק זייער געלט און זייער פארמעגן אויפצושטעלן תורה. ווען דער משלח איז ערליך, און דער מלמד איז ערליך, דער מגיד שיעור איז ערליך, האט דאס א כח, אז וואס מען לייגט אריין קדושה אין דעם קינד, זאל דאס בלייבען שפעטער. אין אזא דור וואס איז אזוי שווער מחנך צו זיין קינדער, דארף מען זייער אסאך אריינלייגען אין די יוגענט, אז זיי זאלן זיין אנגעזאפט מיט אהבת תורה און יראת שמים, אז דאס זאל קענען בלייבען שפעטער. און צו דעם דארפן זיין שלוחים, און די שלוחים דארפן זיין ערליכע שלוחים, דאס איז די מחזיקי תורה, די זבולונ'ס וואס איז דא אין כלל ישראל, וואס געבן אוועק פון זייער געלט און זייער פארמעגן, כדי מען זאל זיי קענען מחנך זיין, און מען שטעלט אויף הונדערטער שטובער פאר ערליכע תורה'דיגע שטובער.

**אמאל** אפילו מען איז נישט געגאנגען אין א תלמוד תורה, און מען האט ווייניג געלערנט, האט מען געקענט זיין אן ערליכער יוד אויך. ער איז טאקע געווען א עם הארץ, אבער ער איז געווען ערליך. היינט אבער אויב א קינד איז נישט אויפגעהאדעוועט געווארן אין די יונגע יארן אין תורה, איז נישט אז עס פעלט אים תורה, נאר ער איז נישט א יוד, עס פעלט אים יודישקייט. און דאס איז וויכטיג היינט, אריינצולייגען זייער אסאך ליבשאפט צו תורה. עלטערן אליין זענען עס מחוייב צו טון, **עלטערן זענען מחוייב אריינצולייגען א ליבשאפט צו תורה אין די קינדער. א גאנצע וואך זעהט מען זיך קוים, אבער די שבתים ווען מען זיצט אינדערהיים מיט די קינדער, דארף דער שבת זיין מוקדש ביי טאטע און מאמע, צו פארברענגען מיט א קינד, אז דאס קינד זאל פילען גוט אין שטוב, הערן א גוטווארט פונעם טאטען, הערען א קאמפלימענט, פארציילען א מעשה פארן קינד וואס וועט ארויסברענגען מידות טובות, וואס וועט דערהייבען דאס קינד, און דאס קינד וועט עס קענען מיטנעמען אויף שפעטער.** דאס איז די פליכט וואס מיר דארפען צוטון. אשריכם פאר די יודען וואס האבען א חלק דערין, וואס זיי טוען אויפשטעלן תורה, און זיי טוען צוהעלפען דערצו אז תורה זאל קענען ווייטער בליען.

*

**מען** גייט אריין די וואך אין די טעג פון שובבי"ם, וואס יעדער ווייסט, אז די טעג זענען געשטעלט געווארן אז מען זאל קענען מתקן זיין וואס מען דארף מתקן זיין. מען ווייסט אז איינע פון די תיקונים איז צדקה. מען געפונט אז נבוכדנצר וואס האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, האט אים דניאל געגעבן אן עצה, אז ער קען זיך אויסלייזען פון זיין עונש, אויב ער וועט געבן צדקה. און ער האט געגלייבט דערין, און ער האט צוטיילט צדקה. די גמרא (בבא בתרא ד.) פארציילט, אז מיט זיין צדקה האט ער אפגעשטופט זיין עונש אויף יארן שפעטער. און דניאל איז נענש געווארן אויף דעם וואס ער האט אים געגעבן די עצה. מען רעדט פון איינעם וואס האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און פון דעסטוועגען דאך האט ער מיט צדקה געהאט א כח, אז וחטאך בצדקה פרוק (דניאל ד-כד), די קענסט אויסלייזען מיט צדקה דיינע חטאים. - ווען עס קומט אזא צייט, ווען מען גייט אריין אין די ימי השובבי"ם, און מען זוכט תיקונים, מען דאוועגט און מען טוט וואס מען קען. הייבט מען אן די ימי השובבי"ם, תיכף מיט א מסיבה פאר צדקה.

**איך** האב היינט געטראכט, דער פסוק (בראשית מט-יב) זאגט, חכלילי עינים מיין, ולבן שינים מחלב. דער פשוטער פשט איז, 'חכלילי' עס וועט זיין רויט, 'עינים' די אויגען, 'מיין' פון וויין. ווען מען טרינקט אסאך וויין, באקומט מען רויטע אויגען. 'ולבן' איז א לשון פון לבן, ווייס, 'שינים'

די ציין, 'מחלב' פון מילך. די ציינער וועלן זיין ווייס, פון טרינקען אסאך מילך.

**עס** קען זיין אז דער פסוק איז מרמז, אז מיט חסד וואס מען טוט העלפען אז יודישע קינדער זאלען קענען וואקסען אין תורה, קען מען מתקן זיין וואס מען האט געזינדיגט מיט די עינים. 'חכלילי' אמאל איז דא וואס עס איז רויט, רויט ווייזט אויף דינים, 'עינים' די אויגען, 'מיין' יין איז דאך אויך דין. חכלילי עינים מיין, די אויגען זענען נישט ווי עס באדארף צו זיין, און עס דארף האבען א תיקון. וואס איז די עצה דערויף, 'ולבן', פאר א קינד, וואס 'שינים מחלב', וואס ער האט נאך די מילך ציין, אזוי האט מען אמאל געזאגט אויף קינדער וואס זענען קליין. מען דארף צוהעלפען פאר דעם 'ולבן', פאר דעם קינד ווען ער איז נאך קליין, וואס ער האט נאך די 'שינים מחלב', ער האט נאך די מילך ציין פון ווען ער איז געקומען אויף די וועלט, און מען הייבט אים אן צו האדעווען צו תורה, אז ער זאל קענען אנהאלטען און וואקסען אין תורה, דאס איז די תרופה אויף די חכלילי עינים מיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן קענען טון צדקה וחסד. דורכדעם וואס מען העלפט אז קינדער זאלן זיצען און לערנען און אויסוואקסען ערליך, באצאלט דער אייבערשטער אין די אייגענע שטוב, אז מען האט קינדער תלמידי חכמים און יראי ה'. די הנהלה פון די תלמוד תורה, וואס לייגן אריין א געוואלדיגען כח צו שאפן עניני גשמיים, זאל זיי דער אייבערשטער בענטשען, אז זיי זאלן זעהן שמחה ונחת ביי זייערע קינדער. די הנהלה רוחנית ב"ה טוט אן אויסערגעווענליכע שיינע ארבעט, אויפצוהייבן די תלמוד תורה. יעדע זאך שמועסט מען איבער, און מען פרעגט עס איבער, און טאמער עס איז דא עפעס וואס מען דארף צו טון, טוט מען דערין. זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער יעדער איינער אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה. די חשובע מלמדים וואס זענען מופלגים אין זייער עבודת הקודש, זאל זיי דער אייבערשטער געבן ווייטער, אז זיי זאלן קענען טון זייער ארבעט, זייער מלאכת ה' זאל זיין אן ערליכע מלאכה. די גמרא (בבא בתרא ח:) זאגט, די געוואלדיגע זכות וואס די וואס זענען מרביץ תורה און לערנען תורה מיט יודישע קינדער האבען, זיי זענען אזוי ווי די כוכבים. זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן זעהן אסאך נחת אין זייער עבודת הקודש. און מיר אלע זאלן זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה וטוב לבב, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## תוכן השיחה בעת ביקורו של כ"ק האדמו"ר מפשעווארסק שליט"א אצל רבינו שליט"א

**יום ד' פרשת וירא - י"ז חשון תש"ע לפ"ק**

**רבינו קיבל פניו בהדרת כבוד ושאל בשלומו**

**האדמו"ר מפשעווארסק:** ווי אזוי זענען די מוסדות.

**רבינו:** ברוך השם, געלויבט דער אייבערשטער, צוביסלעך.

**האדמו"ר מפשעווארסק:** עס האט א גוטען נאמען.

**רבינו:** די עיקר איז אז עס זאל זיין גוט, נישט נאר די נאמען.

**האדמו"ר מפשעווארסק:** מסתמא אז מען זאגט אזוי, איז עס טאקע אזוי.

*

**רבינו:** איך בין געווען ביים זיידען ביי **רבי איציק'ל זצ"ל** דאס לעצטע יאר זומער, איך בין געפארן צו אים אויף א שבת.

**האדמו"ר מפשעווארסק:** דאס הייסט אין תשל"ו.

**רבינו:** יא, ער איז געווען דעמאלטס אין שילדע, ער איז ארויסגעפארן אויף שבת, עס איז געווען נאר א מנין מצומצם דארט אויף שבת, און דער טאטע (**האדמו"ר מהר"י מפשעווארסק**) זצ"ל איז אויך געווען דארט אויף שבת. עס איז געווען זומער, און שבת נאכמיטאג האט ער פארגעלערנט פרקי אבות פאר די פאר יודען וואס זענען דארט געווען, עס איז געווען דער פינפטער פרק, די משנה זאגט דארט (משנה ז') עשרה נסיונות נסו אבותינו את הקדוש ברוך הוא במדבר, האט ער געזאגט, אז די וועלט פרעגט, א דור דעה זאל טון אזעלכע צען עבירות. האט ער געזאגט, איך מיין אז עס איז נישט קיין קשיא, פערציג יאר צען עבירות איז נאך א דור דעה. אז אין פערציג יאר האט מען נישט געטראפען מער ווי צען עבירות, איז עס א דור דעה[א].

איך וויל נישט אויפהאלטן, איך הער אז מען איז שוין אויפן וועג אהיים (האדמו"ר היה בדרכו לשדה התעופה).

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מפשעווארסק:** פארן רב פאסט צו מאכען א ברכה קודם. (ואחר שהפציר רבינו אמר:) כל מה שאומר לך בעל הבית עשה (פסחים פו:).

**רבינו:** איך וויל מקבל זיין א ברכה.

**האדמו"ר מפשעווארסק:** דער אייבערשטער זאל געבען בריאות הגוף און בריאות הנפש, און מען זאל קענען משפיע זיין פאר יודען.

**רבינו:** אמן, דער אייבערשטער זאל געבען ווייטער אויך אסאך נחת, און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, און פארן געזונטערהייט און אנקומען געזונטערהייט אן קיין שום מכשול.

**האדמו"ר מפשעווארסק:** והמברך יתברך.

**רבינו:** איך וויל מכבד זיין מיט א ספר וואס איז יעצט ארויסגעקומען על התורה (ספר **שמן ראש** ח"ט בראשית).

**האדמו"ר מפשעווארסק:** דעם דרך קען איך אביסעלע, פון די פריערדיגע ספרים וואס איך האב שוין געזעהן[ב], יישר כח.

**ונפרדו לשלום**

---

[א] ענין זה סיפר **רבינו שליט"א** בהספידו על **הרה"ק מהר"י מפשעווארסק זצ"ל** ביום ז' אדר תשנ"ט לפ"ק, וזה לשונו: זכיתי להיות במחיצתו ביחד עם חותנו **הרה"ק רבי איציק'ל זי"ע** בשנה האחרונה לימי חייו. ואזכיר דבר ששמעתי ממנו אז בלימוד פרקי אבות, עשרה נסיונות ניסו אבותינו את הקב"ה במדבר (אבות ה-ד). והקשו איך יתכן על דור דעה כמותם שיכשלו בעבירות אלו, וינסו אותי זה עשר פעמים ולא שמעו בקולי. ואמר בדרך צחות, **שהרה"ק ר' אלימלך זי"ע** אמר פעם במוצאי יום הכפורים, כי משעה שסיים תפלת נעילה עד שבא לביתו, עשה חשבון הנפש ומצא שעבר שלש מאות עבירות. (וכנראה הכוונה שבכל תיבה בתפלת מעריב שלא כוון לפי ערכו, וכל רגע שעבר בלי דביקות ולימוד התורה, נחשב לו לחטא). ואם כן בני ישראל במדבר, שחטאו במשך ארבעים שנה, עשרה חטאים, חטא אחד לארבע שנים, הרי הם צדיקים גדולים, וראויים המה להקרא בשם דור דעה ע"כ.

ובדרשת פרקי אבות (פ' שמיני תשע"ה) האיר רבינו שליט"א בזה ואלו דבריו: שמעתי מהרה"ק רבי יעקב מפשעווארסק זצ"ל, כשהייתי זה כארבעים שנה משובתי שבת אצל חותנו הרה"ק ר' איציק'ל זצ"ל, בימי הקיץ בהיותו בקרית חוצות עם מנין אנשים, והרה"ק רבי יעקב זצ"ל לימד אז פרקי אבות להאנשים הסובבים אותו, ואמר דאיתא במשנה (אבות ה-ד) עשרה נסיונות ניסו אבותינו את המקום במדבר שנאמר (במדבר יד-כב) וינסו אותי זה עשר פעמים ע"כ. והקשו המפרשים דאיך יתכן שדור דיעה שאמרו עליהם שעד משיח לא יהיה עוד דור קדוש כזה, ינסו את ה' עשר פעמים ויכשלו בחטא. ואמר בצחות לדידי לא קשיא, כי סוף כל סוף לא מצאו עליהם במשך ארבעים שנים במדבר רק עשר חטאים, שזה עולה חטא אחת לארבע שנים, דור כזה הוא באמת דור כשר וקדוש להפליא עכ"ד. ובאמת החשבון לא מדוייק כל כך, כי בהרמב"ם ורבינו יונה ורש"י שם נמנו העשרה נסיונות, ומהם ששה (לדעת הרמב"ם) או שבע (לדעת רש"י) היו קודם מתן תורה, ולאחריו היו שאר החטאים, וכמעט כולם היה רק בשנה הראשונה במדבר. אך גם זה נקרא דור קדוש, עשרה חטאים לשנה, ושוב ל"ט שנים בלי חטא של נסיון.

[ב] נצטט בזה מכתב נדיר ששלח **הרה"ק רבי יעקב מפשעווארסק זצ"ל** אל יבלחט"א **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** אחר שקיבל ממנו את ספרו **'אוצר השבת'**:

אור ליום ועש"ק נשא י"ג סיון תשמ"ב לפ"ק

חיים וברכה וכט"ס לידידי הרב הגאון החסיד וכו' מוה"ר אשר אנשיל כ"ץ שליט"א בעיר נ"י

אחדשה"ט, את ספרו הנכבד והנעים אוצר השבת קבלתי, ותשואות חן ויישר כחכם, **והשי"ת זיכה את כ"ת שליט"א לעשות חיבורים מלאים חן**. והנני שולח תשעים [סכום הגון עבור הוצאות הספר].

דברי ידידו ואוהבו
יעקב לייזער